# דער חזן

דאס איז אשיינע שטיק , וואס איז גישעהן מיט אפאר
הונדערט יאר צו ריק , מיט איין געוויסין חזן פון קאפולע
וואס האט ב״נאנגען נארעשקייט אפולע. אגב איז דער
פון צו זעהען , וויא דיא וועלט האט דאן אויס גיזעהן ,
דאס נאך דעם ערך וויא זיא איז איצונד גיווארין , זעט
זיא אויס נאר וויא נייא גיבארין.

מאת אמ״ד

BUCHHANDLUNG
KRAKAU
Krakauergasse Nr

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ה לפ״ק

---

ДЕРЪ ХАЗАНЪ,
т. е.
Канторъ Синагоги.
Сочиненіе А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ №№ 327 и 328.
1874.

JLM3165.15.5
Y3165.15.5
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою 6 Іюня 1874 года. Вильна.

# דער חזן

---

זה לא כביר) דא ניט לאנג האבין מיר ארויס גישטעלט אויף אפאקאז פון דער פערצייטיגע וועלט אפאר שיינע בילדר· איין גיוויסען מלמד ר׳ חייקעל יענטעס וואס וואר דאן אגרויסער קענער אונ איין געוויסען בדחן ר׳ דוד לאדענער· איצונד וועלין מיר אריין שטעלען אין זייער מיטען נאך אדריטען אונ דאס איז ר׳ קאפעל אסנעס דער חזן פון קאפולע אונ פון נאך שטעט אפולע׳דען אזו וויא ער האט אלע חודש אנייב גיביטען אזוי האט ער אויך פון יעדער שטאדט אפ גישניטען· ער האט אפילו זייער זיך איינע אנדערע אויס גיקליבען דאך איז ער מיט איר דארטין ניט לאנג גיבליבין· נון איז דאך אגרויסער וואונדער איצונדער ווארום האט ער זע גראד גיהייסען דער חזן פון קאפולע אונ דער צו גראר ר׳ קאפעל אסנעס ווען ער האט גיהאט שטעלען אונ וייבער אפולע· נון אום דיר דאס מיינע טייערע לעזערין צו פערענטפערין אונ אום גוט צוא בערייַדען זיך מיט דיר צוא זאמען· מוז איך אויפהערין צוא זאגין דא דיא גראמען·

והנני לענות) אונ מוז דיר אלזויא דארויף ענטפערין· דאס פערגיווים האט מען אים נור מיט דיזע צוויא נעמען גירופען וויל דיזע ביידע ווארען בייא אים דיא ערסטע דאס הייכט זיין ערסטע וייב האט מען גערופען אסנע אונ דיא

גרעסטע שטעטל וואו עס איז געווארען אחזן האט מען גירופען קאפולע און דיא ערשטע נעמען ביי אונז אידען בלייבען אויף אימער און ענדערען זיך ניט זעלבסט נאך דיא גרעסטע שנויים · למשל האט איינער וואס מען האט אים גערופען ר' קלמן פינדזעוויצער געהאט אמאל אהו פעל ער מעג אים פערקויפען צו א אידען וואש מען רופט ר' יעקב הינדעס און דער ווידער צוא איינעם אנדערין וואס מען רופט אים ר' איצעלע רייצעס און אזוי ער ווידער צו איינעם דריטען און אזוי ווייטער נאר אן אשיעור בלייבט דער הויפעל אימער געשטעמפעלט נור מיט דעם נאמען ר' קלמנס פינדזעוויצערס הויף · האט למשל איינער גיהאט איין אומגליק *) צוא גיווינען אגיווינס בעקומט ער באלד דעם נאמען נייער נגיד און בלייבט אויך דער מיט גיחתמת פאר אימער און אייביג · דען מען רופט אים אלץ נייער נגיד זעלבסט בשעת ער ווערט שוין מער אביון וויא גיוועזין דאס ער האט שוין קיין געלט צו נעמען א צעטיל פון לאטערי נור אגילדען צוא בעקומען א צעטיל אויף קמח פסח א"נ אזוי אויך ווען עס טרעפט זיך למשל דאס א מיידעל לייקע אדער א אינגעל יאסציק פערזאמען זיך א ביסעל חתונה צוא האבין הייבט מען איר אן צוא רופען דאריבער לייקע דיא מאד און אים יאסציק דער בחור און מען רופט זיי שוין אוועק מיט דיזע צו נעמענעס זעלבסט בשעת זיי האבין שוין אייניקלעך און אזוי וואר דא אויך מיט אונזער ר' קאפעל קאפולער · ער האט גימיינט זיין

דער

*) איין גיווינס ביי אונז אידען איז וויא אגרויסער גיוויסער וואס פאר טרינקט אקרעניצע אדער אקליינעם וואסערעל דאס דיא פעולה איז דער פון דאס נאך דעם אפלויפען וואס דאס גישעהעט ניך און באלד בלייבט נאך דיא קרעניצע אדער דער וועסערעל גאנץ טרוקען · ווייל דער גיוויסער האט אים אויס גיריסען :



דער נאך אחזן אין דרייסיג שטעט אפשר איז אים אלץ גיבליבין דער נאמען קאפולער און ער האט גימיינט האבין נאך דעם צוואנציג ווייבער האט מען אים אלץ גירופען אויף דעם נאמען פון דער ערשטער ווייב ר' קאפעל אסנעס ווייל זיא ווארען דיא ערשטע נון ווייסט דוא מיר מיינע טייערע לעזערין ווייטער פרעגין ווארום האט דיזער מענטש אין דער אמת געביטען ווייבער און שטעט און ווידער וויא טוען דא דיא עלטערין פון דיא פרויען דאס זיא האבין אן גיטרויט זייערע טעכטער צו אזוי אשווינדלער און אזוי אויך דיא פרנס חדשים פון די קהלות וואס האבין אים אויף גינומען פאר אחזן אין זייערע שולען · זיא האבין דאך שוין איין מאל גיוואוסט דאס ער האט אין זיך קיין וואר ווארט · און קען ניט זיין איין האלבעס יאר אויף איין ארט · דא וועל איך דיר ווייטער ענטפערין דאס דיזער ר' קאפעל איז גיוועזן אגרויסער וואויל לערנער און אגוטער זינגער און דיא ביידע מעלות האבין פערצייטען זייער גיגאלטען דאס מען האט ניט גיקוקט אויף אלע יענעמס חסרונות וויא אויך זיא גרויס ווארען באם ער האט נור האצבי איינע פון דיזע צוויי מעלות גיהאט דאס הייסט ענטפער א וואויל לערנער אדער א זינגער · פשיטא שוין וואו ביידע זאכין ווארען ביי זאמען א וועלכע מענשין ווארען דאן אין דיזע לענדער אזוי גילטיג ממש וויא אסיגנאציע וואס מע קוקט ניט דארויף וואס זיא איז צו ריסען און בעשמוצט אבי דיא נוטערין מיט דעם אונטער שריפט זיינען אין גאנצין · איך זעלבסט האב אין מיינע קינדערשע יארען גיקאנט נאך איין יונגען מאן וואס מען האט אים גירופען ר' מאסקע חאסקעס · ער וואר אהויכער און איז גיגאנגען אן גיטאן וואך און שבת אלץ איין גאנג דען ער וואר אום דער וואכען אויך אשאבעסדיקער · ער פלעגט צוא טראגין אום דער וואכען איין אטלעסין חלאט וואס וואר ווייס און רויטליך מיט ברייטע ארבעל און זייער לאנג און אויף דעם קאפ האט ער גיטראגין

אשטריימעלע

אשטריימעלע אטייערע און ווייל ער פלעגט צוא האלטין שטענדיג די פאלעס צוא גימאכט האט מען זיך לייכט גיקענט שטויסען דאס זיינע התחתונים ווארען צוא ריסין ער איז נור גיגאנגען אין פאנטאפעל אדער שלורקעס מיט הוילע פיאטעס ביא ביידע אויערין ווארען צווייא קליינע פלאסטערליך און אויף דעם פאטילנעצע וואר איין זאוואלאק און וואר זיך אזוי מלובש אין כמה וכמה פלאסטערין און דאך פלעגין נאך אים נאך צו גיין אגאנצע באנדע שדכנים וואס פלעגין אים צוא ריידען שדוכים די גרעסטע פון דער מדינה און ער פלעגט זייא צוא בריען ווייל ער איז גיוועזן איין גרויסער חריף · איין גארטעל היינגער *) און דער צו איין מיוחס · אלס ער פלעגט אן הייבין צו רעכענען וואס פאר מיוחסים שווערין ער האט גיהאט פלעגט זיך שטעלען ממש די האר קאפויר· ער פלעגט אבטער אויסציילען מער אלס פופצען · ער האט זייא אלעמען בעדיינקט· דר צו נאך גלאט די שדוכים וואס מען האט אויס גירעט מיט וועמען און וויא פיל געלט· ער האט ניט איינעם פערפעלט אפשר נאך צו גילייגט דען ער האט גיהאט אגרויסען זכרון אויך דער צוא דאס דער עולם פלעגט זיך דארטין אין קלייזעל וואו ער פלעגט צוא נעכטיגען זייער פערוואונדערין דארויף הערענדיג**) :

וכן) און אזוי וואר אויך אונזער ר׳ קאפעל דאן אגוטע

שטיקעל

---

*) אגארטעל היינגער האט מען גערופען דער. וואס האט גיקענט צוא זאמען צעפען צווייא מסכתות איינע מיט די אנדערע און אדריטע דער צו מיט גרוים חריפות :

**) ער פלעגט דארטין נור צו נעכטיגען·דאוונען אבער גאנץ ווייניג ער פלעגט ערכט לייגין טלית און תפילין אלס מען האט שוין קריאת שמע גיהאלטין וויא איינגע מענשין וואש מאשין זיך ביא אשכמה אלס כען האלט שוין ביא בענצין :



שטיקעל סחורה וואס האט נאך אמאל מער מעלה פאר אסיגנאציע ווייל זיא הייפט זיך דען ער האט זיך גילאזט אלע מאל אוים שטיינען פלעגט זיך נור גיפינען אנייער מחותן וואס האט אים צוא גיזאגט מער נדן צו געבין האט ער שוין אפגיזאגט די פאריגע פרויא און האט גינומען יענע· האט זיך אים גיטראפען אשטעטיל וואס האט אים גיוואלט געבין מיט אפאר גילדען מער שכירות האט ער זיך אפגיזאגט פון דער פאריגע שטעטל און איז אריין אין דער צווייטע. און ניט איין מאל וואר קריג איבער אים צווישען צווייא שטעט און דין תורות מיט אים און ער וויא ער איז גיוועזן אגרויסער גייץ פלעגט ער צוא פאטערען מיט איינערלייא פסק געלט ביידע וקלאטנעס אויף איין מאל דאס הייסט די קלאטנע מיט דער ווייב׳ און די קלאטנע מיט די פרנס חדשים פון דער שטעטיל וואו ער וואר דאן חזן · און ווייל דיזער בעריהמטער זינגער האט גיהאט אקנאפען זכרון פלעגט ער אפט פערגעסין אן צו גרייטען איין טבעת קדושין פאר זיינע חופות און אלס עס וואר אמאל דורך דעם אגרויסער עכוב דאס ער איז איבער דעם שיר פאר פרארען גיווארין אונטער דער חופה ביז מען האט עס בעקומען האט ער שוין זיך גימאכט שטייענדיג דארטין אונטער דער חופה איין סימן איין קניפעל אויף זיין בארטעל דאס ער זאל מער ניט פערגעסין און האט אזוי דורך גילעבט אסך מיט יארען און וואר תקיף ביא דעם עולם :

וכאשר לא ינוה את אשתו) און וויא ער האט ניט גיהויזט מיט זיין ווייב דאס ער פלעגט זיא אלע מאל אום בייטען אזוי פלעגט ער ניט צוא הויזען מיט קיין משוררי׳ ער פלעגט זייא צוא שלאגין און ניט צוא געבין עסין · אגאנץ יאר האט ער זייא אין שטוב צו זיך ניט אריין גילאזין און פלעגט זייא צו לאזין גיין איבער די הייזער וויא די סיבירסקע

הינט

הינט אגאנץ זומער *) אינ פלעגט זייא מער ניט צו דינגען אויף די אכבע פרשיות אונ אויף ימים טובים אויף ימים נוראים וויא אפריצאפנעם צוא אשווערע שטאַציע אונ אפטער אויף אשמחה דאס הייסט אויף איין נגידעשען ברית · דען אויף אחתונה איז דאך דא אבדחן אונ וואו עס איז דא אבדחן דארף מען קיין חזן דען פון זייא ביידען האט מען קיין פערגעניגען אויף אשמחה מען ברויכט זייא נור וויא אמאל איין גיוויסער הירט האט אמאל גיברויכט אבאק · דען עס האט אמאל איין גיוויסער הירט (פאכטוך) בעדארפט זיין הערדע (שטאדע) אריבער פירען איבער אטייך איז צום שלימאזעל אן גיקומען אוואלף נון האט ער ניט גיוואוסט אלאנגע צייט וויא ער זאל זיך דא בעגיין ביז עס איז ביי אים גיבליבין דאס ער זאל אויסקלייבען פון דער הערדע עפעס אגוטען באק אונ זאל זיך אים לאזין ראנגלען מיט דעם וואלף ביז ער וועט דיא הערדע אריבער נעמען איבער דעם טייך**) אזוי איז דער זעלבינער פאל אויף אשמחה · דר בעל חתונה אדער דער בעל ברית רופט צו זאמען

צו

*) אין סיבירען פארט מען אגאנץ ווינטער מיט הינט דאס הייסט מען שפאנט זיי איין אין גרויסע שליטלאך אונ מען לויפט מיט זייא איבער דעם שנייא · וויא דער שנייא אבער לאזט אפ אין זומער צייט לאזט מען די הינט פון איין אנדער · אונ זייא לויפן אום ווילד אין דיא וועלדער אונ אין דיא פעלדער בייא אזערעס אונ גינערען זיך פון דיא פיש אונ פייגעלעך · אונ וויא עש הייבט אן ווידער דיא גרויסע פרעסט קומען זייא צוריק · ווייל זייא האבין שוין דאן ניט וואס צו עסן :

**) (מדרש רבה בשלח כ"א) משל לרועה שהיה מעביר צאן בנהר בא זאב להתגרות בצאן · רועה שהיה בקי מה עשה נטל תיש גדול



צו זיך איין עולם אונ נור צו עסין בייא אים נון איז די זיטע (מאדע) דאס מען גיט נור צווייא גיריכטען פיש אונ בראטען צו איז עס גינוג צו זיין וויל איך איצונד איבער דעם ניט ריידען נור וואלט מען עס חאצבי באלד דער לאנגען דיזע ביידע גיריכטען איינע נאך דיא אנדערע · זיין עס גיווערט איינע איבינקייט צווישין דיא פיש אונ בראטין קען דער ווילע איין איידעם אין דער היים קעסט אפ עסין מען קען מאכין איינע הלוואה אונ אן זעצין · מען קען דעם אנדערין פון דער דירה פון זיין קראם אויס דינגען · מען קען נעמען אווייב אונ זיך אפ גטין · מען קען זיך מאכען אנייעם בגד אונ זאל דער ווילע פון דער מאדע אויס גיין · מען קען מאכען אספר אונ ווערט פערפוילט ליגענדיג אונ אזוא קען מען נאך אנדערע טויזענדע נוצליכערע זאכען אפ טאן אין דיזער גרויסע צייט וואס איז נאך פיל לייניגער אלם דיא צייט וואס עס דויערט צווישען דעם כל טוב וואס מען גיט אפט שמשקען דעם שטאמלוק אונ צווישען זיין ענטפערען מיט מזל זאלט איר לעבען · אונ דאס דויערען איז נור ווייל אונזערע אידעשע כארוועער האבין קיינע רעכטע געציינ וויא אלע אידעשע בעלי מלאכות טוען נור מיט הוילע הענט אדער בייסען עס איבער מיט דיא ציינער נון דער ווילע ווערט דער עולם פערהונגערט וויא דיא וועלף דאס זייא וואלטען דעם טיש מיט דעם טישטוך אויפגעגריזעט · נון רוקט זייא דער בעל שמחה אונטער אבאק דאס הייסט אבדחן אדער אחזן וואס פערדרייט דעם עולם דעם קאפ נון אונטער אונז געזאגט צו פיל דרייען אקאפ קען מען אויך ניט · דאהער איז על פי רוב אויף אחתונה נור אבדחן · אונ אויף אברית נור אחזן ·

נור

גדול ומסרו לו אמר יהיה מתגשש בזה עד שנעבור את הנהר ואח"כ אני מביאו · כך בשעה שיצאו ישראל ממצרים עמד סמאל המלאך לקטרג אותן אומר לפני הקב"ה וכו' ·

נור וואו עס איז אבירות מיט אחתונה אויף איין מאל דארטען מיזען
זייא שוין זיין ביידע צו זאמען נון היינטיגע צייטען כדי שלא לבייש
בעט בען זייא ביידען לפנים נור אויף אלע חתונות · נון מיינע
טייערע לעזערין פערצייהע מיר (זייא מיר מוחל) מיר האבין
אונז דא צו פיל פר רעט אום אזייטיגע זאך דען ניט דאס מיין
איך · איך מיין נור צו דער צייליען איין עטוואס פון אונזער
ר' קאפעל קאפולער און דאס וועל איך שוין טאקע טאן :

ומהראוי) דאס רעכט וואלט געווען אפילו דאס איך זאל
דא אן הויבין ווי בייא דעם בדחן ר' דוד לאדענער דאס
הייסט דאס איך זאל בעשרייבין זיין יחוס זיינע עלטערען · דאך
אבער איז עס מיר אונמעגליך דען דיזער ר' קאפעל וואר נאך
מיט הונדרט יאר פריער פר דעם ר' דוד לאדענער דער צו נאך האט
קאפולע עטליכע מאל אפגעברענט אוים געשטארבין און זייערע
פינקסען ווארען צו שלעפט צו פליקט · איך האב דערוויסט
פון זייא נור עטליכע בלעטלאך בייא איין מלמד וואס ער האט
גימאכט דר פון אפאר הענצקס צו דר גמרא פר זיינע תלמידים*) און
אין זייא וואר קיין רמז רמיזה פון דיזעם ר' קאפעל · און דאך
איז עס געוויס דאס ער האט געהאט אויך אטאטען מיט אמאמען
ווי מיר אלע אידען וואס דער לאזען ניט די קינדער
דאס זייא זאלין אוים וואקסען געזונדע און שטארקע מענטשען
וואס זאלין טויגען און זאלען זיין לודסקע פאר דער וועלט ווייא
מיר

*) אין דיזע בלעטער וואר פארשריבין דאס אגעוויסע
בתולה פון אגרויסען גביר איזט געווארין אמוכת עץ דאמיט בשעת
זיא וועט חתונה האבין זאל דער חתן ניט קענע: טענן די טענה
וואס עס שטייט אין (דברים כ"ב פסוק י"ד) נור צום סוף וואר צו
געשריבין דיזע ווערטער (לפרט כי האדם עץ השדה) פרעג איין
למדן וועט ער דיר דיזעם וויץ ערקלערען :



מיר זעהען (בעונותינו הרבים) דאס רב בעריאקעם וואקסען
ארוים פון יתומים נור וואס האבין שוין ניט קיין עלטערען וואס
זאלין זייא שטערען זייער גליק :

ולכן) און דאהער ווייס איך אויך ניט וואס עס וואר מיט
אים אין זיינער קינדהייט · צו ער איז געוועזן פריהער איינגעריל אדער
באלד געווארין אחזן ווי מען ווערט בייא אונז אידען מיט אמאל
אסוחר · מיט אמאל אנגירי דאך קיין מאל ווערט מען איין ארעמאן
ווייל מען איז עס שוין אזוי פון דער גיבארענע שעה אן · איך
קען דיר מיינע טייערע לעזערין מער ניט דער צייליען וואס עס וואר
מיט אים און מיט זיין טרייען באם אלם ער וואר אחזן אין חומש ·
און דער נאך וואס עס וואר מיט אים אין דוראקאוציזנע :

בהיותו) אלם ער וואר אחזן אין חומש האט ער זיך שוין צו
גיפאסט אזוי אבאס וואס האט אויך השק גיהאט צו בייטען ווייא
ער די ווייבער און די שטעדט · און האט פון אים ניט
אפגיטראטען ווייא דער שאטן פון א שטעקען · און פלעגט אים
זייער טרייא אונטער צו האלטען הויפטזעכליך בייא דער עבודה
דאס פון זיינע קולות האט אמאל א בתולה מפיל געווען באלד נאך
דער חתונה ווייל זיא איז נאך ניט געוואונט געוועזן צו טראגען
און צו הערין אזוי אשרעקליכע דראקע בייא דעם עמוד · דען ער
פלעגט צו שלאגין דארטן די זינגערלאך · דיזער מענטש וואר
נענוג גראב און שטארק און זייער גוט איינגעטיעט דען ער האט
זיך פון קינדהייט אן געהאדעוועט נור אויף פרעמדע טישען ·
פריהער האט ער גלאט גיגעסען טעג אלם ארעם בחור און דער
נאך איאר דרייא קעסט בייא זעקם שווערען ביז ער האט אוים
גיברויכט זייער גוט דעם זייט · און דאן האט ער אן גיהייבין
צו בויען אויף שמחות און איז אזוי איינגעוואונט געווארין צוא
פרעמדעם עסען · דאס איין אייגענער בייסען האט אים ממש
געווארגין · נור די מגלה קאן מען נאך אים נאך זאגין דאס ער איז
קיין פוילער ניווען עס האט ניקענט זיין אבריתעל פאר אוויארסט
צעהען

צעהען אָדער אַזוא נאָר פאַר אַפּאָר מייל איז ער זיך גיגאַנגען צו פוס מיט דעם חזן · נון האט זיך געמאַכט אַמאָל דאס בייא איין געוויסען ישובניק וואר אַמאָל אַברית אום ווינטער · ער האט גיוואונט אַמייל אַנדערהאַלבען פון הומץ · אונ וואר זייער רייך אונ דאהער האבין גיצווינגין צוא אים (כלי קודש) פון דיא אַלע אַרומיגע שטעטליך אונ ער האט זייא זייער שיין אַנגענומען עס וואַרען דאַרטען עטליכע חזנים אונ באַסען בעסלעך אונ זינגערליך מען האט דאַרטען אויסגעזונגען וויא אויף צעהען בריתין דאך אונזער טרייער באַס פון אונזער ר' קאַפּלען האט זייא אַלעמען איבער געשריען אונ אַזוא אויך גישפּאַרט אין צורה (געפרעסען) מער פאַר זייא אַלעמען אונ דורך דעם האט ער מיט דעם חזן זיינעם זייער שטאַרק קונה שם גיווען אונ האבין בעקומען דיא גרעסטע נדבה · אויף דעם וועג האט מען זייא גיגעבין אַקליינע בערילקע מיט בראַנפּין מיט אַהאַלבע גאַנז אונ זיינען זיך געגאַנגען צוריק גאַנץ פריילך דען דיא בערילקע בראַנפען וואר פאַר זייא איינע גוטע געזעלענשאַפּטערען זייא האבין זיך מיט איהר זייער אָרענטליך אונטער געהאַלטען אונ אויס גרויס ליבשאַפט האבין זייא גאר איר איינגעשלונגען · דיא נאַכט וואר ווינטיג אונ שנייאיג אונד שטורעמדיג דאס עס האט פאַרוויהט דיא וועג וויא דיא שנאַפּס אַזוא איינינע שטונדען אומגעוואַנדעלט צווישען חמיזניקעס אונ וועלדער דאס זייא זיינען כמעט פון קעלט אומגעקומען אונ ערסט אַרום זייגער דרייא בייא נאַכט האבין זייא דער זעהען אַשטוב אַרויך גייט פון דעם קוימען אונ פייער זעהט זיך דורך דיא פענסטער אונ עס וואר אַלס דאס זייא האבין גיוואָלט אַהין אַריין גיין · זיינען זייא אַזוא גייענדיג אַריין גיפאַלען דורך דעם שנייא עפּעס אין אַגיבייא זייא האבין זיך אָבער ניט צוא שלאָגין דען זייא זיינען אַראָפּ גיפאַלען אויף ווייכען אויף שטרויא ציא אויף מיסט · נון האבין זייא אָנגעהייבען צו טאַפּען אַרום זיך דען עס

וואר



וואַר דאָרטן פינסטער וויא אין אַיין אין אונ האבין קיינע זאך אַנגעטאַפּט מער ניט וויא פיר ווענט אין אַצוגעשלאָסענע טיריל אונ זיינען זיך אַזויא גילעגין אין צרות אַפּאָר שטונדען דער וויילע האבין זייא דער הערט איינע שטימע פון מענטשען וואס ריידען צווישען זיך אויף רייסעם · איך האב שוין לאַנג ניט גיהאַט אַזוא אַפּאָר שטיק וויא איך האב יעצט באַקומען · פאָלג מיך מיין ווייב גייא אַריין אין שטאַל אונ טאַפּ זייא אָן · איך וויים איך האב זייא שוין לאַנג גיזעהען איינער איז מיליאָן דיק אונ דער אַנדערער איז אויך אַגוטע שטיקעל סחורה · נון בעריר פאַמעליך זייא זאַנקט וועסטו פאַרטויבט ווערין פון זייערע קולות איך האב נאך אַזעלכע שרייער אין מיינעם לעבין ניט גיהערט · ווען האַסט דוא זייא בעקימען אונ וואס קאָסטען זייא דיר ה' ט אים זיין ווייב גיפרעגט וואס זיא איז אַקאַרסט גיקימען צו פאַרין פון איהרע אַטאַבטעריאַט פרעג נאר ניט האט ער איר גיענטפערט · איך וועל דיר עס איין אַנדערס מאל דער צייליר איך זאג דיר זייא זיינען מיר וויא פון הימעל אַראָפּ גיפאַלען דיא פרויא האט זיך ניט גילאַזט צווייא מאל בעטען איז אַראָפּ פון בעט אונ איז זיך אַזוא אין דער פינסטער אַריין דאָרטן אין שטעלכעל וואו זייא זיינען זיך גילעגין אין גרויס·· צרות דער ר' קאַפּעל מיט זיין טרייען באַס אונ האט זייא ביידען גוט אָן גיטאַפּט אונ איז אַרוים באַלד צוריק אונ האט גיזאָגט צו איר מאַן ניט דא וואס צוא ריידין איך האב זייא נוט אָן גיטאַפּט בייא דיא קאַרקען עס איז דא וואס אָן צו נעמען אונ אויב זייא זיינ· אַזוא גרויס וויא יענע צווייא וואס מיר האבין גישטאָכען אין אָסיעו וועלען מיר האבין פון זייא נוצען ביז זעלאַנע סוועטקע · אַ זייא זיינען געננג גרויס האט זיך אָפּגירופין דער מאַן דער שוואַרצער איז העבער פאַר דיר אונ דער בלאָנדער איז עפּעס נידעריגער פאַר דיר · אונ איך וויל זייא שוין טאַקע שטעכען ווייל בייא טאָג וועלין זיך דיא קינדער דער שרעקען אונ האט אַזוא באַלד אָן גיהויבין צו שאַרפען אַמעסער אונ דער ר'

אפעל

קאפעל מיט זיין טרייען באם האבין עס אלס גיהערט און זיינען
שיר פון שרעק אומגעקומען דען צום אומגליק וואר דער באם מאקע
אשווארצער . דער ר' קאפעל אנגעלער און ביידע נישט קשה אויף
דעם ביינדעל . נון האבין זייא געדיינקט דאס זייא זיינען אריין
גיפאלין אין דיא הענד פון מערדער וואס עסען מענטשען פלייש :
יעדעס ווארט וואס זייא האבין געהערט ריידענדיג דען
עס וואר אגאנץ דינע ווענטעל צווישען דער שטוב און צווישען
דעם שטעלכעלי עס וואר זייא וויא איין שפיז אין הערצען דאס
שארגען פון דעם מעסער שארפען וואר זייא וויא איינע טייוועלשע
מוזיק און בשעת דיא ווירטין האט זייא אן געטאפט אן דיא
געגאלטע פאטילגעצעס האט ביי זייא געציטערט דאס הערץ
און דיא מארך און דיא ביינער וויא ביי איינעם אקסען וואס
ליגט שוין אונטער דעם חלף . אזיילע האבין זייא ווידוי געזאגט
און אזוילע האבין זייא דיא הענט געבראכען און אזוילע האבין
זייא בעדויערט דאס זייא וועלען שוין ניט קיין צייט האבין צו
זיין מארגען אויף דעם סיום וואס עס מאכן די חברה מקרא .
זייא האבין זיך געמאכט איינער דעם אנדערען שטילערהייט
מלא רחמים און האבין זיך צו געזאגט צו גיין צו חלום איינער
צו דעם אנדערען און האבין שוין געוואלט לאזען דיא רעסטע
בראנפען וואס זייא האבען נאך געהאט אין דער בארילקע פאר
דיא קליינע שמשים האבין זייא זיך אבער באלד דער מאנט
דאס זייא וועלין גיין אין דיא וועג פון אלען פליישעם האבין
זייא עס אליין געקאצעט דען זייא האבין דאן בענוצט דעם
אלטען שפריכווארט וואס מען שלאגט אויס (מען וויל ניט
אן נעמען) אין איין אוינגעבליק דאס גיט ניט קיין אייביגקייט
צוריק און דאן האט זיך זייא דיא אויגען גיעפינט דען זייא
האבין דער זעהען דאס דיא טירעלע איז אפען דיא ווירטין
האט פערגעסין ארוים גייענדיג צוא צו מאכען . נון האבין זייא
דיזע געלעגענהייט זייער גוט בענוצט דען עס איז זייא צוא
לאנג



לאנג וויליג געווארען (שקוצנע) צו ווארטען ביז יענער וועט
אויס שארפען דעם מעסער און זיינען זיך אזוא גאר פראסט
ארויס געגאנגען און זיינען אריין צוריק אין וואלד און האבין
זיך דארטין בעהאלטען ביז טאג און דער נאך היידא אהיים.
זייא זיינען געלאפען אן נשכות דען עס האט זיך זייא געדוכט
אגאנץ וועג דאס מען יאגט זייא ביז זייא זיינען געקומען אין
שטעטיל האבין דער וויסט נאך דעם עולם ביי דעם דאווענען
און האבין דארטין באלד געבענטשט גומל און דער נאך האבין
זייא דער ציילט דיא געשיכטע וואס וואר מיט זייא אין דיזער
נאכט עס האט דער מיט דיא שטעטעל אויף געקאכט מען האט
עס באלד אן געמעלדט דעם אסעסער . דעם שפראווניק . דעם
שררה . און מען האט זייא ביידען גענומען דאס זייא זאלען
ווייזען דעם ארט וואו זייא האבין דארטין גענעכטיגט און זייא
האבין אן געוויזען נון האט מען אן געטראפען דארטין דעם ווירט
מיט דער ווירטין שמיילען צוויא חזירים איינער וואר ווירקליך
אשווארצער און דער אנדערער עטוואס בלאנד ביידע זייער דיק
זייא האבין זייא דא ניט לאנג געשטאכען . נון פאר שטייט זיך
פון זעלבסט דאס דיא גאנצע גערייד וואס וואר צווישען דעם
פויער און דער פויערטע ביי נאכט וואר נור אום דיא צוויא
שווינען און אלס דיא נאציילסטווא האבין עס אויף קלאר דער
גאנגען האבין זייא זיך געהאלטען אין דיא זייטען לאכענדיג און
האבין מסכים געוועזן אויף דעם אלטען שפריכווארט דאס איין
חזן איז אנאר *) :

ועתה

---

*) דיזער שפריכווארט וואקסט ארויס זאגען אנדערע
דארום ווייל אויף דעם עמוד איז על פי רוב אויס געדריקט
גאטעס נאמען אין איין בליך און ער שטייט דער ביי מיט
דעם פנים צו אים און דער פסוק זאגט דאך "אין חכמה וכו' ואין
תבונה לנגד ה'" זוידער אנדערע זאגען דאס וואקסט דער פון
ווייל

ועתה) נון וועל איך דיר מיינע לעזערין דער ציילען וואס וואר מיט אים אין קליינע שטעטל דערציין דאך אים דיר מיינע לעזערין צו מאכען דיזע געשיכטע פערשטענדליכער אונ קלערער מוז איך דיר פריער דער ציילען פון דיא אלטע וועלט פיל מעהר אלס ביז אהער · איך מוז פאר דיר אויף הייבין דעם פארהאנג (אקט) פון דער אלטער צייט אזוא ווייט דאס דוא זאלסט קענען בעטראכטען דעם דור וואס האט געלעבט פאר צוויא הונדערט יאר אונ דאס איז ווייל אונזער ר׳ קאפעל האט דאן געלעבט וואס האט זיך מיט אזו פיל ווייבער געקעפט אונ אין אזו פיל שטעט ארום געשוועבט · דאן מיינע טייערע לעזערין וואר איין וועלט כמעט גאר אן געלט · עס וואר דאן ביא אונז אידען קנאפ עשירות אונ גאנץ ווייניג חקירות אונ האבין געלעבט דאך גאר אן זארג אונ אן בארג · איינער פון טויזענט האט געהאנדעלט איינער פון צעהען טויזענט האט איבער דיא גרענעצין געוואנדערט אונ דאן וואר אים איין כתב פון רב גילטינער וויא אפאס אונ בעסער וויא לייפציגער מסחר וואר אקערטעל אין נאס׳ דען מיט דער קוואטירעל אין האנד האט מען געלעבט אין דער גאנצער לאנד · פוילעש האט געהערט נור איינער (דער שתדלן) פאר דער גאנצער מדינה · אונ רייסעם מער ניט וויא אבעל הספינה · איין אידעם האט געגעסען קעסט ביא זיינע שווינער עלטערען זעלבסט נאך זייער טאכטערס טויט ביז ער האט אויס געבראכט זיינע קינדער וויא אויף איין לויט · נון פערשטייט זיך פון זעלבסט ווייל מען האט געטריבין ווייניג געשעפט דאס דער עולם האט זיך אן דער תורה בעהעפט · עס וואר דאן געלערענט אויף טיש אונ אויף ביינק אונ אין יעדען בית

המדרש

ווייל אהאז אונ אנאר רופט מען אלין פעטוך אונ דאס וואקסט ארוס פון דעם ווארט „קעט" זינגען אין רושים רייסעם :



המדרש וואר פול אונ איינגי דיא: חייבער ווארען דיא בעריעם אונ אום חנוכה אשפיל ווארען נור כעריעם :

בימים ההם) אין יענע צייטען דאס הייסט וויא מיר האבין שוין דא פריהער געזאגט מיט אפאר הונדערט יאר צוריק אדער בעסער צוא זאגען פאר גזרת ת״ח *) ווארען אין דיזער מדינה אכטצעהען הונדערט ישיבות · אין יעדער ישיבה וואר בערך פופציג אדער זעכציג ישיבה לייט דאס הייסט בעווייבטע יונגע לייט אויף אזו איין ארט וויא הייגט פרושים וואס מען האט זיא גיקעכעלט. געשובט אונ געקליידעט ווי אייגענע קינדער׳ יעדער ישיבה מאן האט געהאט אונטער זיך פינף אדער זעקס ארעמע בחורים וואס ער האט מיט זייא געלערענט אונ זייא האט מען אויך ארענטליך געגעבין׳ יעדער ארעם בחור האט ווידער געהאט אונטער זיך ארעמע אינגליך עטליכע וואס זיי ווידר האבין מיט זיי געלערענט · דיא ראשי ישיבות ווארען זייער גאבט אונ געשעצט אונ ווער עס האט אזעלכען פאר איין אידעם געהאט וואר דער גליקליכסטר אין זיין שטעטעל · עס וואר דאן אין אלע ישיבות נור איין מסכת געלערענט · למשל אין דעם ווינטער פון ת״א האט מען גאר געלערענט אין אלע ישיבות נור סנהדרין אונ ווען עס האט זיך געמאכט איין קשיא וואס מען האט אין דער ישיבה ניט געקענט פארענטפערין האט מען געשיקט דער מיט ארייטער אין איין אנדער ישיבה אונ אזו ווייטער · אונ אין דעם טאג וואס מען האט מסיים געווען דיא מסכת וואר איין יום טוב אין דער גאנצער מדינה :

בימים

*) אין דעם יאר פון ת״ח זיינען ארייין געפאלען דיא טאטערען אין דיזע לענדער אונ האבען אוים גיהרגעת עטליכע הונדערט טויזענט יהודים אונ קריסטען אונ האבין אזוא אלץ בעאונרוהיגט דיזע לענדער כמעט צעהנדליג יארען ביז דיא קייזערין קאטרינע דיא צווייטע האט זייא מכניע געווען דורך איר פעלד מארשאל מינסקאר :

(חזן) בית

בימים האלה) אין יענע יארען וואַרען צוויי גרויסע יערידין אין דיזער מדינה · איין יריד וואר אין זאסלאוו · דער אנדערער יריד וואר אין בראצלאוו · אויף דיזע ירידין פלעגין אהין צוא פארען דיא גרעסטע רבנים מיט זייערע דיינים אום צוא פסקנן דיא גרויסע דין תורות · אויך פלעגען אהין אראפ צו פארען אלע ראשי ישיבות מיט זייערע ארעמע בחורים · אונ אלע בעלי בתים פלעגען צו קומען מיט זייערע טעכטער אום שידוכים צו מאן נון פלעגט זיך אן הויבען דיא פערהערענעס · נון האבען דעם ערסטין פאנג צוא גענומען (דאס הייסט דיא עילוים) דיא רבנים · דעם צווייטען סארט דיא נגידים · דעם דריטען סארט בעלי בתים · אונ נאר דיא לעצטע וואס האבין מער ניט געטויגט וויא צוא זיין מקרא דרדקי דאבין צו געהאפט דיא בעלי מלאכות · דער צו פלעגען אן צו פארען אהין חזנים פון דער גאנצער וועלט פלעגען זיך שטעלין מקבל שבת צו זיין פרייטאג אום זומער זייגער זעקס אונ מען פלעגט ארויס צו גיין ארום צעהען אונ אויף מארגען אים שבת פלעגט מען ארויס צו גיין ארום צוויי דעם זייגער וויא אום ראש השנה · זייער זינגען איז בעשטאנען נור אין שרייען אונ אין דרייען · דאן וואר ניט איינער וויא מיר האבין היינט אין אילון וואס איז אגרויסער וואול זינגער אונ מוזיקאלעס אונ דער צו איין עדלען מאן · נייערט זייא פלעגען נור מיט זייער שרייען בעליידינגען דיא אויערין אונ אוים הונגערין דעם עולם אונ דער צו זייער שטארק אוים געקוקט אויף אנוטין כאלציטי זעלטען דאס איינער האט געקענט געהעריג אפ דאווענען אשבת אמוסף דאס אמבין זאל האצבי ניט לאכען דען על פי רוב פלעגען זייא צו מאכען ביא דעם עמוד איין קאצען מוזיק אונ בדרך כלל וואר דאן דיא חזנות אין דיזער מדינה אגאנצער ענין מען וואר אזוי פאר טאן אין דעם דאס איין שטאט פלעגט [illegible] צו קריגען מיט דער אנדערע שטאט איבער איין חזן אונ אין דער שטאט ווארען איבער צוויי צדדים וואס איינער האט





גערהאלטען פאר אים אונ דער אנדערער וואר נגד אים · דער פלעגט אים צו לויבען אונ דער פלעגט אים צו שענדען אונ עס פלעגט צו זיין גרויסע מחלוקת וועגען דעם :

גם היו בהם מדרגות שונות) אויך וואר אינטער זייא פערשיידענע קלאסען כמעט אזו פיל וויא אונטער אלע ארעמע לייט בדרך כלל וואס ווארען אין יענער צייט וואס מען האט זיך געשעמט מיט איין מלאכה אונ אזו אויך מיט מסחר כמעט דער נאמען בטלן וואר דאן אגרויבער טיטול דער נאמע בית המדרשניק וואר אויך אגרויסע ראנגע׳ דער נאמען קלויזנער האט געקלונגען אזו זים וויא היינט וויסאקא בלאהאראדע · דער נאמען ארעמער למדן האט דאן געהאט אזו אוואזנאסץ וויא היינט דאס ווארט אסטאוונר אפיציר · דיא סאלעמויזניקעס האבין דאן אויס געזעהען וויא וואלגע סלושאטעלעס*) · דיזע אלע סארטען מענשען האבין נור געלעבט פון בעטעל ברויט · לבד גלאט ארעמע לייט שלעפער וואס האבין זיך ניט געקענט דער דינען צוא קיין ראנגע דיזע אלע פלעגען זיך אום שלעפען איבער דער וועלט גאנצע פארטעס מיט ווייב אונ קינד פון ישוב צו ישוב פון שטאט צו שטאט אונ דיא איינוואוינער פלעגען יערען אויף נעמען יעדערין נאך זיין כבוד מען האט גיגעבין עסן אונ טרינקען אונ איין נדבה אונ אמאל אפור אויך דער צו · נון וועל איך זייא איצונד סארטירען פאר דיר מיינע טייערע לעזערין :

הכפלגה הראשונה) דיא ערסטע קלאסע סנארער ווארען דאן בעלי דרשר · מוכיחים · זאגער · אונ ספרנים דאס הייסט אזעלכע מגידים וואס קענען מער ניט וויא מספיד זיין איינעם



---

*) איין וואוילנע סלושאטעל ווערט אן גערופען אזוא איין שטודענט וואס קען ניט מאכען קיין עקזאמען · נור עס איז אים ערלויבט צוא גיין אין דיא קלאסען אונ אזו צוא צו הערין ניט מען פרעגט ביא אים אונ ניט ער מאכט עלעקציאן :

אגרויסען מאן · נון האט זיך נור געטראפען דאס איין גרויסער מענטש איז געשטארבען דא האט ער שוין געהאט יענעם יאר ברויט איבער דעם האלדזי ער פלעגט צו פארען פון שטאט צו שטאט אונ פלעגט אים מספיד זיין אונ וואר ערענטליך בעלוינט מיט געלט אונ מיט מרעין · אין דעם יאר אבער וואס וואר קיין געראטענער דאס הייכט וואס עס איז קיין רעכטער געשטארבען אין אים פלעגט ער קוים זיין לעבענם מיטעל פארדינען דען ער פלעגט מספיד צוא זיין נור דיא גאונים וואס זיינען שוין לאנג געשטארבען אונ פלעגט זיך אוועק צו לאזען אוו גאר צוא דעם הספד פון נדב אונ אביהוא· נון פאר איין אפ געפריסטען הספד פלעגט ער שוין אקנאפען גראסען בעקומען אונ דער צוא נאך האט קיינער קיין טרער געלאזען וויא אגוטער שכור וואס לאזט קיין טרער פון אקוואטירעל שפירעטעס :

ובכל אלה) אונ דאך בדרך כלל זיינען דיזע קלאסע מענטשין זייער שיין בעהאנדעלט געווארען פון דעם עולם · פלעגען איין צו שטיין ביא דעם פרנס חודש אונ מען פלעגט צו מאכען לכבוד זייא איין שלש סעודות אויף קהלשע הוצאות וואס מען פלעגט עס רעכענען פינף מאל מעהר אלס עס האט געקאסט *) :



*) דאס קהל מאכט אמער איין טייצעשען רעכענונג איז שוין דאס אגאנץ אלטע זיטע ביא אונז אידען זייענדיג נאך אין דער מדבר אקארסט וואס מען איז ארוים פון מצרים האבין זייא שוין דאן דיזע זיטע בעקומען · דען לווט נאך דעם רעכענונג פון דיא האלבע טאלער וואס יעדער דער וואקסענער האט נור געגעבען האט מען געמאכט הונדערט שוועלען צו דעם משכן וואס יעדער האט געוואוינען אפוד · נון פערשטייט זיך דאס ביא דער מעשה פון עגל וואס קינד אונ קייט האבין אויך דער צו געגעבען האבין געדארפט ארוים קומען דער פון צעהען





דיא צווייטע קלאסע שנארער ווארען יאלעווע בעלי דרשר דאס הייסט אזעלכע וואס קענען קיין תורה זאגען נור דער ציילען מעשיות פון גרויסע לייט מופתים פון קדושים דער ציילען חדושים פון ארץ ישראל אונ זאגען סגולות דיא פלעגען אויך איין צוא שטיין ביא דעם פרנס נור קיין שלש סעודות האט מען פאר זייא ניט געמאכט אונ נדבות פלעגען זייא אליין גיין קלייבין על פתחי נדיבים · דיא דריטע קלאסע ווארען בעלי שמות · בעלי מגיהות · מוכרי ספרים · שדכנים · עגונות · אדער שווערען וואס גייען זוכען אנטלאפענע איידעמס · יונגע ווייבלעך וואס קלייבין נדבות אום חליצה צו בעקומען · הײנט דיא וואס האבין געהאט גלגולים אדער חולי נופל אזעלכע לייט האט מען בעשטעלט טעג אונ געגעבין איין נדבה אונ איין פור דער צוא · דיא פערטע קלאסע ווארען גלאט ארעמע לייט וואס פלעגען זיך צוא שלעפען באנדעם וויים זייא פלעגען צוא קומען צוא פופציג צו זעכציג צו איין ישובניק · פלעגען ביא אים צו נעכטיגען ווטשעשערע עסין אבור בעקומען · קומענדיג אין דיא שטעטיל פלעגין זייא איין צוא שטיין אין באד אונ גיין פראסט איבער דיא הייזער · שבת פלעגט מען זייא געבין פלעטין · אונטער דיזע קלאסע מענטשין וואר דער גרעסטער שמוץ אונ אונריינהייט דער זיטען (דאס הייסט מדות מגונות) · איינער פון דיא גרעסטע מכניסי אורחים וואס וואר אין יענער צייט אגרויסער מופלא אונ אגרויסער מיוחס אונ זער צו אגרויסער חכם וואס פלעגט ביא אים צו עסען הונדערטע ארעמע לייט אויף איין מאל אין יעדען



צובאנגע אקסען אונ דאך איז ארוים געקומען מער ניט וויא איין קאלב אונ ווייטער ניט מסתמא מוז זיין ווייל דיא מחצית השקל זיינען געגאנגען דורך משהעם האנד איז דא איין ווארער רעכענונג געוועזען דיא נדבות פון עגל אבער זיינען שוין דורך קהלשע הענט איז שוין געווארען אקסצעהען אונ דרייא :

טאג און בפרט נאך אום שבת האט ער אמאל געזאגט נאך
האט זיך מיר ניט געטראפען דאס איך זאל פרעגען ביא איין
ארעם מאן צו איז ער פליישיג און זאל זאגען יוא און צו האט
ער געדאווינט מנחה און זאל זאגין ניין און אזו פלעגט איינער
מיט זיין זעלבינע ווייב חתונה צוא האבין עטליכע מאל אין
פערשיידענע שטעט כדי מען זאל וואס צו זאמען מאכען פאר
זייא פלעגען זייא צו קומען צו איין ישובניק וואס איז איין כהן
פלעגט זיך צוא מאכין קראנק איין קינד ביא זייא און באלד
דארויף געמאכט זיך געשטארבין דא פלעגט מזען דער באלעבאס
אפ . טרעטין פון שטוב און דאס האבען זייא גער ניט וויא געמיינט
און פלעגין ניט אפ טרעטען ביז מען האט זייא דארטין גינעבין
אויף אלע הוצאות . פלעגען אזוא אויך אין דיא תנאים פון
זייערע קינדער איין צו שרייבין דאס זייא גיבין זייא אוועק אין
נאן סלוצק . ניעשוויז . אדער דיא שטאט מיר . אויף דרייא יאר
דאס הייסט עס זאל קיינער פון זייא אהין ניט גיין בעטלען
לבד דיא פאר פאלק אליין איבער הויפט פלעגין זייא זיך צוא
ציהען אין יענע ערטער וואו עס האט געזאלט זיין גרויסע חתונות
גרויסע בריתין . ארעבטער סיום תורה זייא האבין שוין געוואוסט
אין וויפילטען חודש יעדע גבירעשע ווייביל איז דאמיט זייא
זאלען ניט פערזאמען דעם טאג פין ברית . און אזו וויא דער
האי פיש ציהעט זיך נאך און דרייט זיך אלץ אום יענע שיף
וואס ער שפירט דאס עס איז דא אין איר אמענטש וואס
האלט שוין ביא דעם שטארבען דאמיט ער זאל עס באלד
פערשלינגען וויא כען וועט אים נור אריין ווארפען אין ים אזו
פלעגין זייא זיך אלץ דרייען ארום יענע שטאט וואס ווער דארטין
איין אלטער אדער איין קראנקער גביר וואס דארף דיא צייטען
געלעגען ווערין אין אלול און אין תשרי האבין זייא ממש קיין
הענט געהאט ווארען פול . אויף אלע בית עולמים און אויף דיא
שולהויפען און פלעגען צוא ענדערען זייערע קראנקהייטען וויא

זייערע



זייערע נעמען אין ראקעוו האט ער געהייסען יאסעל און איז
געגאנגען אויף קולעס און אין טינקעוויץ האט מען אים שיין
גערופען נאר אברים און האט געהאט איין אויס געדרייטע האנט
ווייל דארטין ווארען שוין דרייא הינקעדיקע פון מאהילנע און
אשטעטעלדיקער דער צו . קורץ דער פון אום אלעס צו בעשרייבין
וועט שוין מיר פאר חזנים קיין פלאץ בלייבען און ניט דאס
מיין איך נאך :

וכנגד הארבע המפלגות האלה) און כנגד דיזע פיר
שנארערשע קלאסען ווארען אויך פיר האזאנעשע קלאסען וואס
באמת ווארען זייא אויך ניט אייגענע קעסטניקעס דאך אבער
האט עס אוים גיזעהען מעהר באלעבאטעס און פיל איידעלער
אלם יענע פיר קלאסען . דיא ערסטע קלאסע ווער גרויסע חזנים
וואס האבין געהאט אגרויסען שם אין דער וועלט למשל וויא
דער פיקעווער . דער לאמזער . זייא פלעגין אין די זומערדיקע
הדשים פארען איבער דיא מדינה מיט איין אייגענע בריקע
מיט אייגענע פערד *) מיט אייגענע משוררים מיט אבע עגלה
אבריאק . אין יעדער שטאט וואס אזו אחזן איז גיקומען פלעגט
צו ווערין באלד איין קאך . מען פלעגט זיך באלד צוא בעדינגען
מיט אים דרייסיג אדער פערציג טאלער פאר איין שבת לבד
אלע הוצאות און דער גאנצער עולם האט שוין יענעם שבת
געדאווינט ותיקין און אין שול איז גיוועזען איין דער שטיקענעס
און דער אינגעל אדער אזו נאר יענער יונגער מאן וואס האט
גערעט מיט איין משורר זייגעם אדער מיט דעם זינגעריל האט
זיך נאר ניט געקענט אפ פרייען . דיא צווייטע קלאסע חזנים

ווארען

*) עס האט אמאל אזו איין חזן געדאווענט אין אשטאט
וואס מען האט אים קוים בעצאלט וואס דיא פערד האבין אן
געצערט אין קרעצמע האט ער זייא געזאגט וויא איך זעה האב
איך נור געדאווענט פאר דיא פערד :

ווארען אזעלכע וואס האבין זיך געזוכט אשטעלע דער ווייל זייגען זייא אומגעפארען איבער ככה שטעט פלעגין דארטין צוא דאוונען אויף אפראבע אונ על פי רוב פלעגט מען זייא אפ צו שיקען אויף אקהלשע פור פון איין מקום צו דעם אנדערין מקום אונ אייניגע רובל אויך דער צו · דיא דריטע קלאסע ווארען קליינע חזנימלעך פון קליינע שטעטלעך וואס פלעגין צו מאכין קליינע רייזען אין דיא ארומעדיקע שטעטלעך צוא פוס אונ פלעגין זיך אדאווענען צו טאן איין שבת פאר צעהען גילדען · דיא פערטע קלאסע ווארען אזעלכע חזנים וואס האבין קיין מאל געהאט אשטעלע אונ האבין ניט געזוכט קיין מאל קיין שטעלע׳ זייא פלעגין זיך אזו גלאט אום צוא גיין מעיר לעיר פלעגין זיך צו דאוונען אויף יחידלעך מען פלעגט פון זייא זיך גוט אן לאכען דען זייא וואכען גוטע באנדארעס אדער גוטע פלעקער אונ דאך פלעגט מען זייא צוא דינגען אין קליינע שטעטלעך אויף שחריתים לבד דעם פלעגין זיך אום צו שלעפין אשטאווגע משוררים וואס פלעגין זיך צו בערימען דאס זייא האבין אונטער געהאלטען דעם פיקעווער · דעם לאמזער · פלעגען נאך צו זינגען זייערען איין בן יקיר לי אפרים · איין ואתיו · איין תבא לפניך תפלתנו אונ דאס גלייכען אונ מען פלעגט זייא אפ צו דינגען אויך צו דיא ארבע פרשיות · אדער גלאט צוא יום טוב · ביותר פלעגט מען זיך צו קוואפען אויף איין באס · נון מיינע טייערע לעזערין לאמיר אונז אום קערין צו אונזערען ר׳ קאפלען צוריק אונ מיר וועלין דער ציילען פון אים נאך אשטיק · איך גלויב עס וועט זיך דיין מויל ניט צוא מאכען פון פיל לאכען :

ויהי) אונ עס וואר אלס ער וואר אחזן אין דראקאווציזגע וואס ער איז דארטען גיוועזן מיט גרויס חן דען ער וואר באמת אגרויסער דאוונער אונ אוואול זינגער פאר יענער צייט איז אים דארטען אזו גוט גיוועזן דאס ער האט שוין ביי זיך בעשלאסען צו

פאר



פאר בלייבין דארטן כל זמן ער וועט לעבען · אונ אזוא אויך פון זיין ווייב שרה זאל ער זיך שוין ניט שיידען אונ האט זיך טאקע דארטען אזוא דער האלטען שייגע עטליכע יאהר ביז עס האט אים אנגעהויבין דער האבער צוא שטעכען דען ער האט ניט געשוינט קיין באלאבאס אונ פלעגט זיך אויס לאכען פון יעדען נגיד אונ פלעגט צו טאן צו להכעים דעם גרעסטען פון שטעטעל · למשל עס האט זיך געמאכט איין אויף רופעניש ביי א רייכען מענטש האט ער יענעם שבת גראד ניט גידאווענט אין שול· פלעגט צו קומען אשבת מברכים האט ער גידאווענט דווקא פראקט· איז גיוועזן אסיום ביי א חברה היתים איז ער ניט גינאנגען· שבת פרשה נח וואס עס פלעגט צו זיין ביי דיא קצבים אין קלייזיל איין גרויס פאראד ווייל אין דיזער סדרה שטייט דאס גאט האט דער לויבט דעם מענטשען צו עסען פלייש · האט זיך אים נאר פארוועלט צו דאוונען גאר אין גרויסע שול · אונ אלס ער פלעגט שוין יוא זיין אויף אשמחה ערגעץ פלעגט ער אן קומען מיט גרויסע צרות איידער מען האט אים איין געבעטען דאס ער זאל זינגען אונ פלעגט נאך דער צו אפט אויך אן זידלען · אונ דורך דעם האט ער אנגיהויבין צו האבין שונאים אין שטעטעל אונ עס האבין זיך גימאכט צדדים אונ מיט דער צייט האט מען גימאכט איין אסיפה רבה וועגין אים וואס מען זאל דא טאן דען עס וואר זייא ביטער צו האלטין אים ווייטער אונ עס וואר זייא ביטער אים ארויס צו יאגין דען ער איז דאך גיוועזן אשארפער חזן אגרויסער דאוונער דער צו נאך אגרויסער למדן· עס וואר דארטן גישפראכען איבער דעם לאנג אונ בריים ביז עס איז גיבליבין ביי זייא דאס מען זאל אים פארט דער האלטען נור מען זאל אים פריער גוט אן תרבשען דאס הייסט מען זאל אים אפשלאגען דיא פליגלען דאס ער זאל ביי זיך ניט זיין אזויא געהויבען· זייא האבין אויס געדיינקט דער צו אנוטען פלאן אונ האבין עס גליקליך אויס געפירט · אונ עס האט גוט געווירקט אונ עס וואר אזויא :

בסוף חודש סיון לעת צאת החונים) בערך סוף חודש סיון

בשעת

בשעת אז אלע פיר קלאסען חזנים היבין זיך שוין אן ארוים צוא
ווייזען אויף דער מדינה איז גיקומען אהין קיין דוראקאווציזנע
אאידעל איין ארום מאן מען האט אים באלד דער קענט דאס ער
איז אהין אונ דער צו נאך פון דיא פערטע קלאסע דען ער וואר
ארום געוויקילט מיט אהאנטוך אונ האט אליץ גערבריידעלט אונ
דער צו נאך אביסעל היזעריקליך אונ איז זיך געקומען צו פום לבד
דעם וואר זיין ערסטע פראגע דארטן אין דער ערשטע קרעצמע
וויא האט דר חזן גידאוועט היינטיגן שבועות אונ צו וועט ער דאוונען
דעם שבת מברכים אונ אזוא אמענטשען האט מען דאן בעדארפט
זייער נייטיג האבין אונ אוים צו פיהרען דעם פלאן וואס מען האט
אונטער גינומען געגען דעם שטאדט חזן אונ דאהער וויא דער
קרעצמער האט דאס אן אים אנגימערקט דאס ער איז אשטיקיל
חזן האט ער אים גיבעטען זינגען אונ יענער האט זיך ניט געלאזט
צוויא מאל בעטען אונ האט אויפגיעפינט זיין מויל ווי אראטציכע
אונ האט געשריען וויא אין אמאנהויז אונ דער צו גיאירזעט וויא
אמערד געציקעלט וויא אבעקעל דאס דער קרעצמער האט זיך
קוים איינגעהאלטען פון לאכען · נוט האט ער בייא זיך גיטראכט
אט אזעלכען דארפען מיר ווען איר זינגט יוא אזוא וואול האט זיך
דער קרעצמער צו אים אפגירופען דא מעגט איר שוין איין שטיין
בייא דעם פרנס חודש אליין יענער האט זיך דער צוא אויך ניט
גילאזט צוויא מאל בעטען אונ איז מיט אים אוועק צום פרנס
חודש ער האט דארטען גיזונגען נאך אמאל אונ דער פרנס חודש
איז מיט זיין ווייב צו קראכען פון גילעכטער · גוט האט ער בייא
זיך געטראכט דאס איז אגוטע שטיקעל סחורה ער פאסט פאר אונזער
פלאן · בון האט ער געשיקט רופען צו זיך דיא גרעסטע בעלי בתים
אונ זייא האבין אים אויך גיהערט אונ עס איז זייא אלעמען גיפעלין ·
הערט צו ר' קרוב האבין זייא צו אים גיזאגט · איר גיפעלט אונז
גרייליך אונ מיר ווילען דאס איר זאלט בייא אונז דאוונען דעם
היינטיגן שבת מברכים אונ מיר וועלין אייך זייער שיין בעפרידיגן





קודם כל דבר וועלין מיר אייך אויס קליידין לייטעס אונ מיר וועלין
אייך געבין משוררים ניט היגע דען עס שלעפען זיך דורך אונזער
שטעטעל אזעלכע אלע טאג באנדעס ווייבי · אונ צווייטענס האט
איר דאך אויך עפעס אבחור מיט זיך · מיר פערלאנגען נור
פון אייך דאס איר זאלט זאגין דאס איר זייט דער חזן פון
באנדיגעווע וואס האט אגרויסען שם אונ איר זאלט ניט זאלעווען
אייער מיהע דען איר וועט גוט בעלוינט ווערין · מיר ווילען דאס איר
זאלט בייא אונז מקבל שבת זיין · מעריב דאוונען קידוש מאכען אונ
מארגין שחרית אונ מוסף אונ מאריך זיין וויא ווייט איר קענט דאס
הייסט וויא ווייט אייערע כוחות וועלין אייך אויס טראגין · ערסטענס
מייכיטיישע איר גיפעלט אונז · צווייטינס ווילין מיר מיט אייך רודף
זיין אונזער חזן דעם בעל גאוה וואס ער מיינט באמת דאס ער איז
נור אזינגער מער וויא ער ניט ווייטער קיינער ניט · זאלט איר מיר
אבער גיזונד זיין האט זיך דיזער אפגערופען · אייער חזן האט דאך
אשם אין דער וועלט אונ איך בין דאך מער ניט אדאוונער וואס
פאסט נור אויף אישוב אדער אין אפיצינקע שטעטעלע נון זעט מיט
וואס וועט איר קענען אויספירען מיט מיר קענען אים ? דאס איז ניט
אייער דאגה · האבין זייא אים גיענטפערט נור טוט וויא מיר הייסען
אייך אונ שפילט אייער ראלע וויא אגרויסער חזן · היינט איז
דינגסטאג מארגען וועט איר זיין שוין אויס געקליידעט אונ וועט
שוין האבין אויך אבאנדע משוררים · נארעכצע וועלין מיר צו נעמען
אפאר העלפער פון היזיגען ברויז גרויסע בעריאקעס זייא האבין
קולות וויא לייבען דער שטאט חזן קען זייא ניט מיר וועלין זאגין
דאס זייא זיינען מאקע מיט אייך גיקומען אונ זיין פרייער באס וועט
אויך זיין פון אייער צד דען ער איז (דעם שטאט חזן) אויך אשונא
דען עס איז ניט פאר האנדען אדאוונען דאס ער זאל אים ניט דער
לאנגען אבריק בייא דעם עמוד · אונ עסען זאלט איר מיט אייער
בחור אונ מיט אייער באנדע משוררים דא בייא אונז איבער מארגין
זאלט איר אריין גיין צו דעם שטאט חזן אונ זאגט אים דאס איר

זייט ר' וועלוועל האנדיקעווער אונ בעט אים ערלויבענעס דאס איר זאלט בייא אונז דאבנען דען עס איז שוין אזוא ביא אונז דער מנהג :

שמע האיש לדבריהם) דיזער מענטש האט זיך גילאזט איין ריידען אונ האט גיטאן ריכטיג וויא דיא פרנסים האבין אים גיהייסן אונ אויף מארגין איז גיווארין אלארעם אין שטאט דאס עס איזט גיקומען אגרויסער חזן ר' וועלוועל אונ וועט דא דאבנען שבת מברכים · איבר מארגען איז שוין גיוועזן דער נייער חזן בייא דעם שטאט חזן אונ האט גיבעטען ערלויבנים צו דאוונען אין שול · ער האט אבער פריהער גימוזט זינגען פאר אים · דער שטאט חזן האט זיך גיהאלטען אין דיא זייטען לאכענדיג אונ האט שוין בייא זיך גיטראכט זאלין דיא שטאט לייט וויסין וואס פאר א חזנים עס איז בייא לייטען אונ וואס פאר אחזן זייא האבין אונ האט זיך גיפאצט שוין אין בייכעלע · אונ דער נייער חזן האט זיך גימאכט וויא ער מערקט גאר ניט וואס ער לאכט דא אונ האט ווייטער גיזונגען מיט גרויסע קולות אונ האט זיך נאך בארימט פאר אים דאס ווען ער וועט דיזע זאך זינגען מיט זיינע משוררים וועט זיין גאר דיא וועלט אוים אונ דער שטאט חזן האט שוין גיוועלט דער ווארטען דיא מינוט דאס דער נייער חזן זאל זיך שוין שטעלען דאוונען אין שול פאר דעם עמוד אונ דאס מען זאל שוין לאכען :

ובין כה וכה) אונ דער ווייליע אין שטאט וואר ששון ושמחה דאס זייא האבין זוכה גיוועזן אונ דער לעבט דאס דער האנדיקעווער חזן זאל בייא זייא דאבנען אונ מען האט אים צו גיפאסט אבאנדע משוררים פון דיא שנארערס אונ ארום שלעפערס פון יענעם מין העלפער וואס מיר האבין פריער בעשריבין אונ דער צו די העלפער פון ברויז זייא האבין זיך אנאנגעצען דאנערשטיג אלע מסרה גיווען אונ דער עולם איז גישטאנען ארום דיא טירען אונ ארום דיא פענסטער דען איגעווייניג האט מען ניט אריין גילאזין לבד איינגע מבינים אונ האבין מפליא גיוועזן דיזע נאך זייער גרוים אונ אלס





מען האט עס פערצייילט דעם שטאט חזן האט ער ניט גיוואלט גלויבין דאס אזוא אבאנדער זאל ווערען גיפעלין אונ האט עס גיהאלטען פאר אהוילין ליגין פרייטיג נאך האלבין טאג וואר שוין פארטיג דער מרחץ אונ דער עולם איז גיגאנגען באצייטין אין באד · ארום פיהרען דעם זייגער האט מען שוין גיקלאפט אין שול דאס מען זאל גיין בעצייטען צו קבלת שבת · אין דער גרויסע שול האט מען גימאכט צו ליב דעם גרויסע פאראדעס מען האט אויף גיהאנגען אויף דעם ארון קודש דעם טייערשטען פרוכת מען האט אן גישטעקט אין די לייכטער גרויסע ליכט · דעם שולהויף האט מען אוים גישאטין מיט זאמד אונ מיט יעלניק דאס מען האט זיך גערירט דאס דער פריץ פון שטאט וועט קומען דער דוכבט וועט אויך קומען מיט דער דוכסה אונ מיט דיא טעכטער הערין דיזען גרויסען זינגער · אונ צו ליב אים וועט אויך קומען דער קאפעל מייסטער זינגער · קורץ דער פון עס איז נאך אזו אפאראדע ניט גימאכט גיווארין אין שול פון כמה דורות · אונ אלס דער חזן ר' קאפעל האט גיפרעגט צו וואס איז עס אונ וואס איז דיא שמחה מיט זייא האט מען אים גיענטפערט ווייל זייא האלטען עס פאר אזכיה צוא האבין בייא זיך אזוא אחזן וויא דער האנדיקעווער אויף אשבת מברכים · דא האט ער גיקוועצט מיט דיא פלייצעס אונ האט גיזאגט ניט לייגער זאל גיווערין אידעשער גלות וויא לאנג עס וועט גיווערין דיזער טעות דען ער איז נור אשמאטע אונ ווייטער ניט :

בשעה החמישית) ארום פינף דעם זייגער וואר שוין דיא שול פול אן גיפאקט אזוא דיא מאנעשע אונ אזוא דיא ווייבערשעיעס ווארען באזעצט אלע ביינק אונ אזו וואר אויך דארטן זייער איינג עס וואר דארטן אזוא געדיכט דאס דער נייער חזן האט זיך אזוא ווייט ניט גיריכט מען האט אים גימוזט אריין נעמען אים מיט דיא משוררים דורך דער מילה טירעלע אונ אלס דאס ער איז ארויף אויף דעם אלמעמער אונ דער שמש האט שוין גיטאן אפאץ אויף

דעם שלחן איז געווארין שטיל און דאן האט דער נייער חזן גיטאן אנישרייא לכו נרננה מיט אזוא אשרעקליכע גישרייא און אווילדע שטימע דאס דיא היינגלייכטער האבין אנגיהייבין צו קלינגען און דיא פענסטער האבין אנגיהייבין צו ציטערען און דער גאנצער עולם האבין זיך איינע דיא אנדערע אן גיקוקט זייער ביסטרע וויא נאך אשרעקליכין דונער · נוא האבין זייא זיך אפגירופין דער כלל אוועלט איז ניט מקנא מען רימט ניט אמענטשען אום זונסט מיר האבין נאך אזוא אשטימע ניט גיהערט און אזו וואר דיא גאנצע שול (פה אחד) דאס ער איז שוין ווערט דיא געלט נור פאר דיא צווייא ווערטער אליין עס האט מער ניט גילאבט נור וויא דער שטאדט חזן אליין · און דער נאך האט ער אנגיהייבין צוא זאגין פון (היום בקולו תשמעו) מיט נאך גרעסערע קולות און דיא באנדע משוררים טוז נאך אים עס וואר דר פון אזו אגרילצערייא און אזו אשקריפקערייא וויא עס וואלטען גיגאנגען צעהען אויבגעשמירטע וועגען און אגאנצע שטאדע בעק וואלטען בלעקען · עס וואר דארטען איינע עכטע קאצען מוזיק · דאס זעלבסט טויטע וואלטען דארטען אויך מוזען לאכען · דיא שטאט לייט אבער האבין קיין מול גיטאן אויפמאכען און האבין אים גיהערט מיט גרויס פערגעניגען און האבין אים בעוואונדערט אפשר אמאל הונדערט · דיא מבינים האבין זיך דיא פינגער צו ביסען זייא האבין זיך ניט פארגונען אשמעק טאבאק צו טאן דאמיט זיי זאלין ניט ניסען דען עס וואר שוין אזוא אונטער איין מאל אונטער דעם עולם אפ גימאכט דאס מען זאל אים מפליא זיין און עס זאל ניט ווערין גילאבט · נאך פארקערט דאס מען זאל זיך צוא רייסען לויבענדיג אים און זאגין דאס ער איז גאר גאטעס וואונדער אזו אלע צו אזאמען און אזו יעדערער בעזונדער · צו דיא (לכה דודית) האט ער אזו שטארק אן געהויבין צו דרייען צו קרייען און דיא משוררים מיט אים האבין אויף גיהויבין אזו איין שטים דאס עס האט אן גיהובין צוא ציטערען דער מויער עס האט אנגיהויבין וייא צוא טאן יערען דעם אויער

און



און דאך האט יעדעס מויל געשריען עס איז זייער וואול דער שטאט חזן אליין האט ניט גיקענט פון גילעכטער איין שטיין דאך האט ער אן גיהייבין צו שטומען אלס דער קאפעל מייסטער איז גיקומען · און האט זיך קוים איינגיהערט דא האט ער זיך צו דעם שטאדט חזן גיקערט און האט צוא אים גיזאגט דיזע ווערטער · צוואר איר זייט דאך אזינגער דאך פאר מענט איר ניט וואס ער האט אין זיינעם קליינעם פינגער דען צייט איך לעב האב איך ניט אזו אקול גיהערט · נון פרייעט מיך דאס עס מיר באסערט צו הערען זיינע טרעלען שלאגין וויא דיא וועלען זיין שטים איז פייכט זיין האלדז איז לייכט זיין פיסטעל איז וויא פון איונגע בריסטעל היינט גלאט איז ער דער צו אגרויסער מעטער דאס ער קען אויך דעם גרעסטען טעאטער זיין איין אויפטרעטער:

וגם הוא) און ער אויך האט עס אזוא גירעט ווייל ער וואר מיט קהל יד אחד זייא האבין אים גיבעטען דאס ער זאל מיט זייא זיין אין איין בונד געגען דיזעם קונד (דאס הייסט געגען דעם חזן) און וויא עס איז גיקומען צו (מזמור שיר ליום השבת) האט זיך דער נייער חזן אזוא צו קאכט און צו פאכט · און דיא משוררים האבין זיך אזוא דער היצט און פערשוויצט און האבין אויס געזווונגען אזעלכע זאכען דאס מען האט זיך געמוזט שוין פון איינאנדער לאכען דאך אבער אום דעם שטאדט חזן צו פערבלענדען האט מען אנגיהויבין צו פאצען מיט דיא הענדען און האבין געשריען קליין און גרויס · דאס איז מיט אים דיא וועלט אויס און דאן איז צו גילאפין דער טרייער באס צו דעם שטאדט חזן וואס ער איזט גישטאנען שוין איין טויטער און האט צו אים גיזאגט נוא וואס זאגט איר איצונד חזן האט איר ווען גיהערט אזוא אגאטעס וואונדער וויא איצונדער · און דער חזן האט פארביסען מיט דיא ליפען און האט זיך זיין פלייש צו קניפען און האט בייא זיך גיטראכט נון ווען ער גיפעלט שוין אלעמען און אלע זאגין דאס ער איז גאר אבגעשפענש וואצו זאל איך מיך אנדערס שפארין און אויס שטעלין זיך נאך

פאר

פאר אנארען· עס איז פארנעווים האט ער דעם טרייען באם גיענטפערט אנייע מאדערשע גיזאנג· נעווים פון נאכען ארוים גינומען אונ איך קוק נאר אויף דעם ווארט אונ דאהער קען עס גיפעלין איין ערל אבער מיר ניט· זאלט איר מיר גיזונד זיין ליבער חזן האט זיך אפגערופען דער טרייער באם· שטייטץ איר זעט ניט דאס דער גאנצער עולם גייט דאך אוים פאר אים זיינען אלע אידין וויא איר אונ מען וויל אים שוין גאר פאר אחזן אויף נעמען· ווייס איך מאקי ניט אליין וואס מיט מיר איז· זאל עס זיין ווייל ער איז מיין בעל אומנות (קאנקורענט) דאס הייסט ווייל ער איז אויך אחזן וויא איך דאהער לאזט זיך מיר דיזע זינגעכץ ניט גיפעלין אדער איך בין פון שכל אראפ דען וואלט איך גיוועזן נירעכט וואלט דאך אגאנצע שטאט ניט זיין אין דער זאך אומגירעכט:

וכמדה זאת) אונ וויא דיא געשיכטע איז זיך צו גיגאנגען אין מאנעשע שול אזו איז עס צו גיגאנגען אין ווייבערשע שול· דעם שטאט חזנס ווייב איז דארטן גישטאנען וויא אבגעראבענע דען אלע ווייבער האבין דעם נייעם חזן געלויבט אונ גיבענצט נוא פון אים הערט מען האצבי אוווארט· דאס איז אפיסיל אקול· א הלוואי וואלט ער האצבי בייא אונז גיבליבין פאר אחזן· נוא מען וואלט דיא חזנטע דארטן איר פלייש געשניטען וואלט קיינע בלוט גיגאנגען· קורץ דער פון אזוא האט זיך דער נייער חזן נארעש גימאכט אין מעריב אונ נאך מער אין קידוש· מען איז ארוים ארום צעהען דעם זייגער בייא נאכט פון שול שפעטער אלס וויא צוא כל נדרי אונ אלע האבין דעם נייעם חזן גילויבט אונ גיבענשט אלע וואלטען פערגעניגענט אונ פרייליך נור צוויא זייען גיגאנגען וויא באגראבענע דער שטאט חזן מיט זיין ווייב זייא זיינען גיקומען אהיים קוים לעבעדינע זייא האבין שוין געפונען דיא ליכט פערלאשין מען האט בעקומען קוים אשבת גויה מען האט אן געצונדען איבער נייעס ליכט אונ דער ר׳ קאפיל האט גימאכט קידוש וויא אן זיך האט קוים גימאכט המוציא אונ איז אויפגישטאנען פון טיש אונ איז





אום גיגאנגען איבערען שטוב הין אונ הער גאנץ צוא טראכין· נוא זייא וועלין מיר איינשטעסין פיינגעליך אין בוזעם· דאס דיזער דראנג קען זינגען· ניין ער איז גיוועזן אשמאטע אונ בלייבט נאך איצט אשמאטע· איי וואס עס גיפעלט דעם עולם קען מער ניט וויא זיין ווייל דאס ער האט אשטארקע שטים· אבער זינגען קען ער ניט· איי נוא וואס זאגסט דוא שארקע· האט ער גיזאגט צו דער ווייב זאג מיר דעם אמת דו ביזט דאך אויך אשטיקעל מבין קען עפעס דיזער דראנג זינגען? מיר דוכט זיך אויך דאס ער קען גאר ניט זינגען זעלבסט זיין קול געפעלט מיר אויך ניט עפעס ער שרייט נור וויא איין נערה המאורסה דאס הייסט וויא מען וואלט אים דא גוואלטעווען· אונ וואס האבין געזאגט דיא ווייבער האט ער איר גיפרעגט· דיא ווייבער האט זיא אים גיענטפערט זייא זיינען אוים גיגאנגען זייא וואלטען גערען דער לעבין דיא מינוט דאס מען זאל אים מאכן דא פאר אחזן· דען עס גיפעלט זיי זייער זיין קול אונ זיינע ווערטער· ווען אזוא האט ער זיך אבגערופין איז דאך גאנץ שלעכט· זאלסט וויסין איך בויא אויף ווייבערשע מבינות מער וויא אויף מאנעשע מבינות ווייל איך ווייס דאס בייא זיי ביניהם זינגען דאך אלץ די ווייבער אונ דאהער גיפעלט ער אויך דעם קאפעל מייסטער אונ נאך עטליכע מבינים וואס פאר שטייען נאטען· וואס דעו מיינסט דוא מיין ווייב עס וועט מיט דער צייט אוים גיין דיא אלטע שטייגערס· עס ענדערט זיך אלץ אין דער וועלט· אונזערע שטאט לייט זיינען דאך אלע בעלי ספינות· ניסט קשה הערען זיך אן דארטן אין מקום אויף דיא טעאטערן אלס דאס נוט נארעשקייט נו וואס קען זייא שוין געפעלען אזוא איין אידעשער חזן וויא איך בין איך ווייס ניט צו וועלין מיר אונז שוין דא לאנג איין האלטען· איך וואלט שוין וועלין איבער קומען דעם שבת דען איך בין גישטאנען אין שול וויא צווישען דערנער· זייא האבין דארטן אויסגעפוצט אלע אויף אים דיא אויגן אונ בייא זיין זעהען דהייא אונ בייא נייע

יעדען גישרייא לויפט אלץ צו מיר צו איין אנדערר אונ פרעגט מיר מבינות · מיין טרייער באם זאל אים קיין גוטץ ניט קענען האט מיר נעכטען מיין בלוט גיצאפט :

סוף דבר) קורץ דער פון, ער האט אגאנצע נאכט ניט דער שלאפין אונ וויא עס האט נור אנגעהויבין צו באגינען איז שוין דער עולם גילאפין דאבנען ותיקין אונ ער האט אלץ געמוזט צו זעהן ווען פאר ביא זיין פענסטער וואר דער גאנג אין דיא קלויזין · אין דער פריא צום דאבנען אין שול איז אים ניט בעשער גינאנגען אלס נעכטען וויא צו קבלת שבת · מען האט זיך צו ריסין לויבענדיג דעם חזן עס וואר אגרויסער איספיזק מען איז גיווארין שיר דער שטיקט · צו מוסף איז גיווארין אלארעם דאס דער דוכם איז גיקומען דא האט מען גיהייסען דעם נייעם חזן דאס ער זאל אים מאכען מי שברך · ער האט דער ביא בעוויזען גרויס חריפות דאס מען האט זיך געמוזט האלטען ביא דיא זייטען דער גם וואר דאס עס וואר נור דאס אויס גיטראכט דאס דער דוכם איז דא זאנסט וואלטען מוזען פון שאנדע אומקומען · ערסט ארום צווייען איז מען ארוים פון שול אלע לוסטיג אונ פריילך · נור דער שטאט חזן וואר וויא אבאטראבענער דאך דאס אלס וואר נאך נור וויא איין פארשפיל אנטקעגין דעם שלש סעודות וואס וואר ביא דעם פרנס צו ליב דעם נייעם חזן · עס האט גימוזט זיין דארטן דער שטאט חזן אויך אונ האט גימוזט צו זעהען מיט זיינעם אויג וויא מען האט גיבראכט משקת פון דוכם צו דעם פרנס חודש לכבוד דעם נייעם חזן וואס ער האט גיהערט (אונ באמת נים) דען דיא גאנצע זאך וואר נור איין אנשטעל פון קהל · מען האט דארטן אוועק געזונגען ביז האלבע נאכט · דאס דער שטאט חזן איז שיר ניט אין נחלשות גיבליבין פון גרוים קריינקונג אונ פערדרוס אונ מען האט אים אוועק געפירט אהיים קוים אלעבעדיגען :

ביום המחר) אויף מארגן האבין זיך פלוימערסט גימאכט צדדים אין שטאט · איין צד האט גיוועלט נור דעם נייעם חזן

דער



דער אנדערער צד האט גיהאלטען פאר דעם אלטען חזן · נון וואר צאנק איבער צאנק דיא גאנצע דרייא טעג וואס דער שטאט חזן איז גיוועזן קראנק דער נאך איז גיבליבין דאס דער שטאט חזן זאל ארוים געבין אכתב עדות דעם נייעם חזן דאס ער איז דער גרעסטער זינגער אונטער אלע אידעשע חזנים · צווייטינס דאס ער זאל ווייטער אלעמען פאלגין ער זאל ניט בריהען גליהען · אונ דאן וועלין זייא אים דער האלטן אויף ווייטער · נון ווער פאר שטייט דאס ניט דאס עס וואר אים פינסטער אונ ביטער אונטער צו שרייבין זיך אויף אזעלכע זאכען וואס מען וועט זיך דאריבער אין אנדערע שטעט אויס לאכען · נור וואס טוט מען ניט פאר ברויט מען לאזט זיך אפט דורך דעם אזו ווייט פארפירין דאס מען מאכט חלילה גאר פאלשע פאפירען · ער האט זיך אונטער גישריבין אונ איז ווייטער גיבליבין · נון מיינע טייערע לעזערען דוא האסט צוואר קיין וואונדער גיזעהן · דאך אבער ווייסטו וואס פארצייטען איז גישען · וויא יענע דורות האבין זיך אויף גיפירט · אונ וועלכע וועגין האבין זייא פאסירט · אין וואס זייא זיינען גילעגין · אונ וואס עס וואר זייער פערמעגען · עס וואר דאן אפילו דיא תורה · דיא בעסטע סחורה · דאך אבער וואר דאן אויך גרויסע דומהייט · אונ שרעקליכע קרומהייט · גאנץ זעלטען וואר דאן אגביר · בעטלער וואר אבער אן אשיר · מיט רעכט קען מען זאגין · אונ פר אונז דיא אלטע וועלט אנקלאגען · דאס דאן איז גיוועזן גאלד אין די גאסען · נור זייא האבין עס פרשטאנען אן צו פאסען · אנצונעמען · אין יעדער שטאט וואר אונאייניקייט · מען האט זיך גיקריגט פאר יעדער קלייניקייט · מאנכע שטעט האבין אנגימאכט שולדען · כמה הונדערט טויזינד גילדין · אונ צו לעצט האט מען נאך דיא קאראפקע אויך פארזעצט · נון איצונד גאט זייא דאנק איז ביא אונז אידען · כמעט אין אלע שטעט פרידען · עס זיינען אויס גינאנגען דיא שנארער דיא שלעפער · אונ דיא ארומפארער · חכמה אונ מלאכה טוען זיך פון טאג צו טאג מערען · יעדער זוכט זיך ערליך צו נערין · אויך אונזערע רבנים האבין נאכגעגעבן זייגען שוין

טט

ניט וויא פארצייטען פערשמאכט · אויך אונזערע חזנים און אונזערע
מלמדים זיינען שוין אין אונזער צייט גאר שוין אנדערע לייט · דאס מען
קען שוין ניט פון זייא וויא פאר צייטען לאכען · ווייל מאנכע פון
זייא פארשטייען אויך אייגענע שפראכען · זוער רעט שוין פון דקדוק
תנ"ך און אין דער גמרא פשט · זייער גלאט :

ועתה) און איצונד מיינע טייערע לעזערין · זאל זיין בייא
דיר דיזעם קליינעם ספּריל זייער וויכטיג · דען איך האב
דיר גאר דיא אלטע צייט בעשריבען זייער ריכטיג · און אלם מיר
ווילען ווייטער לעבען · וועל איך דאריבער נאך מער ארויס געבען ·
דען אזעלכע געשיכטען · זיינען דיא בעסטע געריכטען · בייא יעדעם
פאלק · וואס מען וויל נור וויסין אטאלק · פון זייערע אלטע צייטען ·
וואס יעדער מיינט דאס זייא ווערען בעסער בעווייטען · דאך אבער
אונזער אלטער חכם זאגט (אל תאמר מה שהיה הימים הראשונים היו
טובים מאלה כי לא מחכמה שאלת על זה) · דאס הייסט וואונדער
דיך ניט ווארום ווארען דיא פארצייטיגע יארין בעסער פאר
היינטיגע · דען דוא זאגסט עס נור אוים ניט קלוגהייט · און דאס איז
געמיינט ווייל דוא האסט דאריבער ניט גילעזין און ווייסט ניט ווי
עס איז אמאל שלימער גיוועזין :

# ר' טרייטעל

דער

## קליינשטעטלדיקער נגיד

איינע וואהרע בעגעבענהייט

### מאת אמ"ד.

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ג לפ"ק

**ДЕРЪ КЛЕЙНСТЕТЕЛЬДИКЕРЪ НОГИДЪ**

т. е.

Богачъ маленькаго городка.

Разказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ
домахъ подъ №№ 327 и 328.
1872.